וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ

גליון

# עַל הַמָּזוֹן

מטרתו לעורר את גודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה

גליון קי"ב
אדר תשפ"ה

"מצאתי למה אין אות פ"א סופית (ף) בברכת המזון לפי שכל מי שבירך ברכת המזון בכוונה, אין שולט בו לא חרון **אף** ולא שצ**ף** ולא קצ**ף**, ולא אנ**ף** ולא אג**ף** ומזונותיו מצויין לו ברווח ובכבוד על ימיו".

("באר היטב" או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ה אות א' - ספר הרוקח סימן של"ז)

כך מקובל אני מרבותי ישמרם א-ל **שכל הזהיר בברכת המזון מזונותיו מצויין לו בכבוד כל ימיו**

(ספר החינוך מצוה ת"ל)

כותב העטרת זקנים אדם המברך ברכת המזון **מתוך הכתב בדקדוק ובכוונה** מסלק מעצמו צרות רבות ואסונות ל"ע.

# א ישועה אין דעם טונקלסטן מצב

**לכבוד די חשוב'ע ארויסגעבער פון על המזון,**

עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך לייען אייערע גליונות און איך האלט מיט די הפלא'דיגע געשיכטעס וויאזוי מענטשן זען אזעלכע אפענע זאכן בעניני פרנסה אין זכות פון בענטשן ברכת המזון, דער אמת איז אז איך האב אויך א הפלא'דיגע פערזענליכע געשיכטע וויאזוי איך האב געזען אן אויסטערלישע סייעתא דשמיא אין זכות פון ברכת המזון, אבער איך בין א מענטש וואס גלייכט נישט צו דערציילן מיינע מעשיות ברבים האב איך זיך צוריקגעהאלטן דערפון, אבער פאריגע וואך ווען איך האב געליינט אין אייער גליון דער מורא'דיגע מעשיות וויאזוי א איד איז געהאלפן געווארן אויף אן אויסטערלישן צווישן די שפיטאל ווענט האב איך געכאפט אז בעצם האט מיין ישועה אויך פאסירט אין שפיטאל, ממילא האב איך באשלאסן אלס "אל תמנע טוב מבעליו" הנאה האבנדיג פון ענקער הערליכער גליון אייך אריינצושיקן מיין מעשה.

מיין געשיכטע הייבט זיך שוין בעצם מיט 22 יאר צוריק, ווען איך בין אויפגענומען געווארן אלס דער CEO פון גאר א גרויסער פירמע, איך האב געדינט דעם פאזיציע פאר קרוב צו 22 יאר! איך האב ב"ה גאר שיין פארדינט, איך האב געלעבט אויף גאר א הויכע סטאנדארט, עס האט מיך ב"ה גארנישט געפעלט.

איין שיינעם טאג, אומגעפער א יאר צוריק, רופט מיך מיין בעל הבית אריין און ער איז מיר מודיע אז ער האט באשלאסן צו פארקויפן די ביזנעס, און דעריבער מוז ער מיר בלית ברירה אויפזאגן פון מיין פאזיציע, צו זיין קרעדיט האט ער מיך געגעבן א חודש געהאלט זיך צו קענען כאפן דעם אטעם און זוכן א נייע דשאב.

פארשטייט זיך אז דער מעלדונג איז געפאלן אויף מיר ווי א דינער אינמיטן העלן טאג, איך בין געווען אזוי באקוועם אין מיין פאזיציע און פון איין טאג אויפ'ן צווייטן מוז איך גיין זוכן א צווייטן דשאב, נאכדערצו אז איך בין געווען געוואוינט צו אזא הויכע סטאנדארט איז מיר מורא'דיג שווער געווען צו טרעפן עפעס אויפ'ן זעלבן לעוול פון וואס איך בין געווען צוגעוואוינט.

עס זענען אריבער אפאר וואכן און איך האב ממש גארנישט געקענט טרעפן, מיין פרוי האט געהאט עפעס אן ארבעט וואס האט אריינגעברענגט ממש אויף ברויט און מילך, אבער ווייט ווייט נישט גענוג וואס איך האב געדארפט אויסצוהאלטן א משפחה פון קינדער, פארשטייט זיך אז איך בין געווען זייער אנגעזעצט און נידערגעשלאגן, און שטארק באזארגט אויף מיין צוקונפט.

פונקט איז יענע תקופה געלאפן דער לעכטיגער יום טוב חנוכה, איך בין געזעסן ביים חנוכה מסיבה מיט די משפחה, און א שוואגער מיינע האט באמערקט אויף מיר אז איך בין נישט ביי מיר, נאכ'ן מסיבה האט ער מיך גענומען אין א זייט און געכאפט א שמועס און מיך געפרעגט "למה פניך רעות היום?", איך האב אים דערציילט די גאנצע מעשה און וויאזוי איך מוטשע זיך און איך זוך א דשאב קריטיש וויכטיג...

זאגט מיך מיין שוואגער, קוק אהער, איך בין נישט קיין ארבעטס פארמיטלער און איך בין נישט באקאנט אין דעם אינדוסטריע, אבער איין עצה קען איך דיר יא געבן, לעצטענס האב איך אנגעהויבן ליינען א גליון "על המזון" וואו זיי ברענגען מעשיות וויאזוי אידן ווערן געהאלפן מיט פרנסה אין זכות פון זיך מחזק זיין אין דעם הייליגן מצוה פון "ברכת המזון", איז אפשר זאלסטו זיך אונטערנעמען א קבלה טובה זיך צו וואשן יעדן טאג און בענטשן ברכת המזון מיט כוונה, און אין דעם זכות וועט דיר דער אייבערשטער העלפן און וועסט אויפגעראכטן ווערן... דערביי האט ער מיר געוויזן וויאזוי איך קען זיך איינשרייבן צו באקומען אייער גליון, איך האב טאקע אנגעהויבן צו ליינען אלע אייערע אלטע גליונות, און איך בין שטארק נתעורר געווארן.

איך האב געהערט וואס ער זאגט, אבער עס האט זיך מיך עפעס נאך נישט אריינגעזעצט אין קאפ, איך האב געמיינט אז דאס איז עפעס א סגולה פאר ארימעלייט זיי זאלן האבן אויף ברויט, אבער איך דארף דאך א הויך באצאלטע דשאב, וואס וועט עס מיר העלפן... אבער ווען ס'איז אריבער נאך אפאר וואכן, און דער מצב איז נישט בעסער געווארן האב איך באשלאסן אז "אם לא יועיל לא יזיק", שאטן קען עס זיכער נישט, און איך האב אנגעהויבן זיך וואשן יעדן טאג און בענטשן מיט כוונה..

אזוי איז עס אנגעגאנגען פאר אפאר וואכן בשעת איך ווארט שוין צי זען ווי די טויערן פון הימל עפענען זיך און עס רעגנט אראפ מיליאנען... אבער דערווייל האט עס נאך נישט פאסירט. נאך מער, יענעם חמשה עשר בשבט בין איך געווען ביי מיין רבי'ן שליט"א ביים טיש און אזוי שטייענדיג אויפ'ן פארענטשע בין איך מיטאמאל אראפגעפאלן ל"ע און איך האב זיך צובראכן מיין פוס, מ'האט מיך אריינגעפירט אין שפיטאל בשעת איך בין געווען אין שרעקליכע יסורים, איך שעם זיך צו זאגן, אבער אין קאפ האב איך געהאט אסאך קשיות אויף כביכול... איך האב נישט קיין פרנסה, דא טו איך אן השתדלות און איך בענטש און דער מצב ווערט נאך אפילו ערגער, איך גיי יעצט אפזיצן אין שפיטאל...

דער איינציגסטער חיזוק וואס איך האב געהאט איז געווען די לעכטיגע ווערטער פון הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א אין זיין גליון "באר הפרשה" וואס איך לייען יעדע וואך. ממש עטליכע וואכן פריער האט ער געהאט געשריבן א מורא'דיגער געדאנק, אז יוסף הצדיק איז געזעסן אין תפיסה, וואס איך גלייב איז געווען סאך אן ערגערער מצב ווי מיר, און דוקא דארט האט ער געזען די ישועה, האב איך זיך מחזק געווען אז אפשר פון וועט קומען מיין ישועה.

הכלל, איך בין אנגעקומען אין שפיטאל, איך בין אדורך עטליכע אפעראציעס און דערנאך האב איך געדארפט פארבלייבן א שטיק צייט זיך צו ערהוילן. אפאר טעג שפעטער, אום שבת, האב איך געשפירט עטוואס בעסער, האב איך געבעטן מיין באגלייטער זאל מיך אראפנעמען צום אונטערשטן שטאק פון שפיטאל וואו עס איז דא אזא בית המדרש'ל אז איך זאל כאטש קענען דאווענען מיט מנין, אזוי האב איך כאטש געקענט דאווענען ווי א איד און זיך טרעפן מיט נאך פנימ'ער.

במשך דעם שבת האב איך אנגעטראפן אין שול א מאדערן אידל און איך האב זיך באקאנט געמאכט מיט אים, איך ווייס נישט פארוואס אבער אזוי שמועסנדיג האב איך אים דערציילט מיין געשיכטע וואו איך האב געארבעט און אז איך האב פארלוירן מיין דשאב וכו' וכו', ער האט מיך אויסגעהערט און ארויסגעוויזן מיטלייד.

מוצאי שבת קומט ער צו צו מיר און זאגט מיר אזוי: איך האב נישט געוואלט רעדן קיין ביזנעס אום שבת, אבער וויסן זאלסטו אז איך האב א גרויסער ביזנעס "רעמאוטלי", דאס הייסט אז די ארבייטער נישט פון קיין אפיס נאר יעדער ארבעט ביי זיך, איך זוך שוין לאנג א פעהיגער מענעדשער וואס זאל מיר פירן דעם ביזנעס, און איך בין גרייט צו באצאלן גאר שיין, מיט א שטארקע פאטענציאל צו וואקסן, לויט ווי דו האסט מיר דערציילט האסטו אסאך עקספיריענס אין דעם, אז אפשר ווילסטו קומען ארבעטן ביי מיר?

פארשטייט זיך אז איך האב זיך צוגעכאפט דערצו, און ווי נאר איך האב זיך שוין געשפירט גוט און ארויס פון שפיטאל האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן ביי יענעם, געלויבט השי"ת אז ער איז געווען זייער צופרידן פון מיין ארבעט, איך האב גאר שטארק ארויסגעהאלפן זיין ביזנעס וואקסן און בליען, און ביז אפאר קורצע חדשים האט ער מיך אויפגענומען אלס דער הויפט מענעדשער פון דער גאנצער פירמע און געהויבן מיין געהאלט כמעט אזויפיל וויפיל איך האב פארדינט אין מיין אלטע ארבעט!

ב"ה אז בין גאר שטארק מצליח אין די ארבעט און פארשטייט זיך אליינס אז אלס הכרת הטוב פאר'ן רבונו של עולם בין איך ממשיך מיט מיין קבלה און איך וואש זיך המוציא און בענטש ברכת המזון יעדן איינציגסטן טאג!

איך האב זיך בעשיינפערליך איבערגעצייגט אין די ווערטער פון הגה"צ רבי אלימלך שליט"א, אז דוקא אין מיין טונקלסטע מצב האב איך געזען דער ישועה, דוקא דארט אין שפיטאל האט מיך השי"ת צוגעשיקט דער פאסיגער שליח מיך צו ברענגען אזא גוטע פרנסה, און ס'איז מיך נישט קיין ספק אז דאס איז אויך אין זכות פון די הייליגע מצוה פון ברכת המזון!

**א דאנק פאר'ן דרוקן מיינע שורות**

למי שיש סיפורים, עובדות, מאמרים ודברי תורה בגודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה
או להערות והארות אפשר לפנות למייל: AlHamuzoin@gmail.com

**נתנדב לעילוי נשמת כ"ק מרנא ורבנא**

הרבי ר' ברוך ב"ר יחיאל מיכל זי"ע ממעזבוש - הרבי ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף זי"ע מרימנוב - הרבי רבי אלימלך ב"ר אלעזר ליפמאן זי"ע מליזענסק
רבי לוי יצחק בן שרה סאשא זי"ע מבארדישטוב - רבי ישראל דוב בער ב"ר יוסף זי"ע מוועלעדניק - רבי ישכר בער בן ר' יצחק זי"ע מראדאשיץ
רבי נחמן בן שמחה בן פייגא זי"ע מברסלב - רבי ישראל מאיר בן ר' אריה זאב זי"ע בעל ה'חפץ חיים" - רבי משולם פייש בן רבי מרדכי בן צירל זי"ע מטאהש
הרבי ר' ישעי' ב"ר משה זי"ע מקערעסטיר - רבי שלום ב"ר מרדכי יוסף משה זי"ע משאץ - רבי אליעזר שלמה ב"ר מנחם זאב זצ"ל
רבי יעקב חיים ישראל רפאל בן רבי יצחק ושרה אלפייה זצ"ל